בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס כ"ג, פרשת נח - לך לך, תשע"ט

# תוכן השיעור


'אני הגבר ראה עני בשבט עברתו'...

"נוסח" מיט "חסידות"...

'הכל כמנהג המדינה'...

"מיש זיך נישט"!...

'דמתה לתמר'...

'חוק וזמן נתן להם'...

דעם זעלבן רבי'ן - אין דעם זעלבן זמן!...

'אין אחריות משניות עליך'!...

'חצות לילה אקום'!

בקי "בנפיק"...

אלו דברים שאדם אוכל 'פירותיהם'...

'הקב"ה מתאוה לתפלתן של צדיקים'

'תפלה לשמה'

'וקדושים בכל יום יהללוך סלה'

'אשרי ילדותינו'...

"דו קערסט קיין ארץ ישראל"!

'ושיקוי בבכי מסכתי'...

"ארץ ישראל" - "דער רבי"


להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

(ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל)

**לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 23**


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)


**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**


מופץ ע"י ברסלב גלובל **Info@Breslevglobal.com**

# ~ פרשת כי תשא, תשל"ד ~

## - ובו חלק משיעור מפרשת בשלח, תשל"ד -

(טייפ מס' 18)

## 'אני הגבר ראה עני בשבט עברתו'...

- - - (א' שואל למה לא נזכר שמה של 'חוה' בסדר 'שמות הצדיקים'?) אין 'דברי הימים' הייבט זך אויך אהן אדם שת אנוש, שטייט נישט 'חוה', ס'גייט אויפ'ן לשון פון דברי הימים!

*

(השואל; רבי נתן האט געזאגטביידע "והוא רחום'ס"?) ס'גלייבט זיך נישט!

[(רבי שמואל שפירא ז"ל); איך האב געהערט אז רבי נתן פלעגט זאגן ביידע "והוא רחום'ס"! (השואל; ביידע באזונדער, אדער צוגעלייגט די אלע שטיקלעך?) אין "נוסח אשכנז" איז דא אסאך מערער, גאנצע'טע שטיקער וואס אין "נוסח ספרד" איז נישט דא, פלעגט ער עס יא זאגן, די שטיקער וואס פעלט פלעגט ער צו זאגן! אזוי האב איך געהערט, איך ווייס נישט.

און ער האט געזאגט "אז ער קען זיך נאך אלץ נישט קילן דאס הארץ"! כאטש ער זאגט ביידע, קען ער זיך נאכנישט קילן דאס הארץ!].

(רבי לוי יצחק ז"ל;) ער האט געזאגט "אז ער קען זיך נישט קילן נאר מיט 'חצות' און מיט 'אני הגבר'"![א]

---

[א] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות כ"ו, וז"ל שם; מַה שֶּׁשָּׁמַעְתִּי מֵאָבִי מוֹרִי זַ"ל בְּשֵׁם מוֹהֲרְנַ"ת זַ"ל עַל אוֹדוֹת אֲשֶׁר נֶחֱלָשׁ דַּעְתּוֹ בִּרְאוֹתוֹ כַּמָּה פְּעָמִים שֶׁגַּם בְּעִסְקֵי הַנֶּפֶשׁ נִתְקַיֵּם הַכָּתוּב: "גַּם כִּי אֶזְעַק וַאֲשַׁוֵּעַ שָׂתַם תְּפִלָּתִי". וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: אִיךְ קֶען מִיר מֶערִיר נִיט קִילֶען דָּאס הַארְץ, נָאר תִּשְׁעָה בְּאָב וּבֵין הַמְּצָרִים בַּיְיא דִּיא קִינוֹת, אִין אַגַאנְץ יָאהְר בַּיְיא תְּפִלַּת חֲצוֹת. חָאטְשׁ קְלָאגֶען אוֹיף דֶּעם חֻרְבָּן (בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת) וָואס מֶע אִיז נִיט אַזוֹי וְויא מֶען דַּארְף צוּא זַיְין! (- אֵינֶנִּי יָכוֹל עוֹד לְקָרֵר אֶת לִבִּי רַק בְּתִשְׁעָה בְּאָב וּבֵין הַמְּצָרִים בַּקִּנוֹת, וּבְכָל הַשָּׁנָה בִּתְפִלַּת חֲצוֹת. וְלוּ רַק לִבְכּוֹת עַל הַחֻרְבָּן שֶׁאֵינֶנּוּ מִתְנַהֲגִים כָּרָאוּי).

(השואל; ער פלעגט זאגן איביג 'אני הגבר' [ביי חצות], אדער נאר דאס ערשטע יאר נאכן רבי'נס הסתלקות?) איך ווייס נישט צו דאס ערשטע יאר - - "איך קען זיך נישט קילן דאס הארץ נאר מיט 'חצות' אלע נאכט, און בין המצרים מיט 'קינות', און ביים קאפיטל 'אני הגבר'"!

(ר' שמואל שפירא ז"ל; ווען? תשעה באב, בשעת מ'זאגט עס?) איך ווייס נישט צו ער האט געמיינט נאר תשעה באב, דער לשון איז געווען; "ער קען זיך נישט קילן דאס הארץ נאר מיט חצות, און תשעה באב ביי די קינות, און מיט די קאפיטל אני הגבר"! האט ער דאס גערעדט באזונדער (- הקאפיטל 'אני הגבר')!

(השואל; א גאנץ יאר האט ער געזאגט?) אזוי ווייזט אוים! ער האט אזוי געזאגט; "ער קען זיך נישט קילן דאס הארץ, נאר מיט חצות, און תשעה באב - און בין המצרים אויך, און ביים קאפיטל אני הגבר"!

'אני הגבר' - זאגט ירמיה - "אלע נביאים האבן געזאגט נביאות אויפ'ן חורבן, און מיך האט עס געפאקט"![ב]

"אני הגבר ראה עני" - "אלע נביאים האבן געזאגט נביאות אויפ'ן חורבן, און מיך האט עס געפאקט - דער חורבן"!

(אזוי אויך) רבי נתן האט געקלאגט אויפ'ן רבי'ן; "אני הגבר - איך, אין מיינע צייטן"!

*

(חוזר להענין של "והוא רחום")

(אחד מהנוכחים; ווען רבי נתן וואלט עס געזאגט [שני הנוסחאות] וואלטן מסתמא אלע עובדים געוואוסט פון דעם?!) איך האב עס קיינמאל נישט געהערט - דאס דאזיגע!

(אחד מהנוכחים; דאס איז דאך זיכער אז ער האט געזאגט אמאל דעם 'והוא רחום', דעם אשכנזי'שער - -) ער איז דאך געווען פריער פון אשכנז, איידער ער איז געווארן מקורב, זיי האבן געדאווענט אשכנז, נאר נאכדעם ווייס איך נישט.

*

[ב] עי' רש"י איכה ג' א'.

# "נוסח" מיט "חסידות"...

(השואל; ס'איז מקובל עפעס נוסחאות פון רבי נתן, 'הודו' פאר 'ברוך שאמר'?) אזוי ווי מ'יר דאווענען - אזוי האט מען גדאוועט! אזוי ווי מיר דאווענען - אזוי האט מען גדאוועט פאר צוויי הונדערט יאר, אזוי האט מען גדאוועט ביים רבי'ן, אזוי האט מען גדאוועט ביי רבי נתן! מען האט אלעמאל אזוי גדאוועט!

מען ווייסט, ווען דער בעל שם הקדוש איז געווען אין מעזיבוש - איז דאס געווען דער נוסח פון 'ספרד'! - אזוי ווי מיר דאווענען, נישט אזוי ווי די פרענקען (עדות המזרח) דאווענען, נאר אזוי ווי מיר דאווענען ספרד! - - -

(השואל; וואס איז די מאמר פון רבי'ן? אז טאמער וואלט ער מגודל געווארן אין אשכנז - -)

**דער רבי האט אזוי געזאגט; אז דאס 'חסידות' מיט 'נוסח' האט נישט קיין שום שייכות!**

איינער א חסיד - מיינט ער אז ער מוז דאווענען ווי אונז, מען קען דאווענען 'אשכנז' און זיין א חסיד! נישט ווייל ער איז א חסיד מוז ער בייטן דעם נוסח!

"וואלט איך (רביז"ל) ווען מגודל געווען צווישן אשכנז'ער אידן, וואלט איך געהאלטן נוסח אשכנז"! וואלט ער נישט געביטן נוסח אשכנז! פארוואס? ווייל דער נוסח אליין - - - (איז נישט דער עיקר)! דער וועלט מיינט, וויבאלד ער ווערט א חסיד, מוז ער שוין דאווענען נוסח ספרד!

*

עס איז טאקע א בריוו דא, וואס איינער האט אנגעפרעגט דעם רבי'ן "רבי אלימלך", צום סוף שטייט דעם בריוו - אין נועם אלימלך,[ג] רבי אלימלך האט געהייסן איינעם ענטפערן, מען זעהט וואס ס'איז געווען - יענער האט געפרעגט קעגן נוסח ספרד - קעגן בייטן דעם נוסח.

דער רבי ר' אלימלך איז דאך געווען א איש אמת, האט ער איהם דערלאנגט; "איר פרעגט מיר אויף ספרד?! (קודם פרעגט מיר) וואספארא זאכן מען דארף פריער האבן - וואספארא מיני קדושות וטהרות - נאכדעם וועסטו מיך פרעגן אויפ'ן נוסח"!!!

[ג] מכתב הזה נעתק בקצת מהדורות של הנועם אלימלך, ואין זה מב' המכתבים שנעתקו ברוב הדפוסים.

איר פרעגט מיר אויף נוסח?! מיט א גאוה - - - [געדענקסט דאך דער בריוו? (ר' שמואל שפירא ז"ל; יא יא, דער רבי אלימלך'ס זוהן בשם אביו)].

קומט אויס אז דאס איז גאר א 'טפל' גאר! "דער 'עיקר' פרעגסטו מיך נישט"?! נאר וואס דען - "דו פרעגסט שוין אויף א 'נוסח'?! ביי נוסח האלסטו שוין?! און פריער ביסטו שוין פארטיג"?! - - -

(חסר קצת)

*

איינער א ליובאוויטש'ער חסיד איז געקומען אויף ראש השנה אלע יארן - פון יענע ערטער, א חסיד'ישער איד, פלעגט ער האבן יארצייט 'צום גדליה', איז מוצאי ראש השנה פלעגט ער דאווענען, האט ער געדאוונט נוסח חב"ד, און קיינער האט נישט געטשעפעט![ד]

ער האט געדאוונט פאר'ן עמוד אינדערפרי דער שמונה עשרה - אזוי ווי 'ליובאוויטש', האט איהם דען איימיצער געזאגט א ווארט?! דאווען אזוי! ביי אונז איז געווען - דער נוסח איז נישט קיין עיקר! טאמער ער זאגט אנדערש א ווארט - גייט אונטער דער וועלט?!...

*

# 'הכל כמנהג המדינה'...

(השואל; און אז מען וועט זאגן "לדוד השם אורי" נאך "עלינו"...?!) פארוואס מיר זאגן אזוי (- לדוד ה' אורי תיכף אחר חזרת הש"ץ)?! ווייל אין אוקריינא זאגט מען אזוי!

פארוואס? זיי זאגן אז דער 'תתקבל' זאל גיין אויף דער תפילה אויך, 'תתקבל' זאל גיין אויף 'השם אורי וישעי' אויך!

למשל אז מיר זאגן; "הזן 'ברחמיו' את הכל", ווייל אין אוקריינא זאגט מען אזוי! (השואל; ס'איז נישט פונעם רבי'ן?) אז מיר זאגן - האבן דאך אלע אזוי געזאגט, זיי זאגן אז דער 'אבודרהם' האלט אזוי, אז ער האלט אז מען זאל זאגן 'הזן ברחמיו'! אזוי

[ד] עי' שיש"ק ד' אות שע"א.

זאגט מען, איך ווייס נישט. אין דער אוקריינא האט מען געזאגט 'הזן ברחמיו' - זאגן מיר אויך.

דער רבי האט נישט געביטן קיין שום זאך, נאר ער איז געווען אין אוקריינא - האט ער אויך אזוי געזאגט, ממילא האבן דאך אונזערע מענטשן אזוי געזאגט - זאגט מען שוין דא אויך אזוי!

*

דאס יא - אין אוקריינא פלעגט מען זאגן א גאנצע וואך 'ברוך השם לעולם אמן ואמן', נאר מוצאי שבת נישט, און דא זאגט מען אינגאנצן נישט! (- לפי מנהג ארץ ישראל).

(אחד מהנוכחים: ביי אונז האט מען געזאגט מוצאי שבת אויכעט) אין 'פוילן'! אין 'אוקריינא' האט מען נישט געזאגט, מוצאי שבת נישט, חול המועד נישט!

דער מעזריטשער מגיד - דאס איז 'אוקריינא', דער פולנאה'ער רב, דער בארדיטשוב'ער רב - דאס איז אלס 'אוקריינא' - איז געווען דער מנהג אז מוצאי שבת האט מען נישט געזאגט!

דער חוזה (מלובלין זצ"ל) איז שוין 'פוילן', קאזשניצ'ער מגיד איז שוין 'פוילן'! אבער די צדיקים (הנ"ל) זענען אלס געווען אין אוקריינא, די 'פוילישע' זאגן מוצאי שבת אויך, נאר אין 'אוקריינא' פלעגט מען נישט זאגן מוצאי שבת!

מען האט ביי אונז נישט געביטן קיין שום נוסח, מיר זאגן אזוי ווי די אוקריינע'ר האבן געזאגט.

דער בעל שם הקדוש איז אויך - אזוי ווי ער איז געקומען קיין מעזיבוש, ווי אזוי מען האט געזאגט - האט ער אויך געהאלטן אזוי! ער האט נישט געמאכט קיין שום זאך (- שינויים).

*

## "מיש זיך נישט"!...

ווען דער בעל שם הקדוש איז געקומען קיין מעזיבוש, אין אוקריינא איז געווען א מנהג - אין אומאן איז אויך אזוי - אז ס'קומט ערב יום כיפור, זעצט זיך אוועק דער

חזן מיט א שיסל'ע - (זיי זענען דאך געווען) ארימעלייט - און יעדער איינערווארפט זיי אריין דארטן עפעס אין די שיסל'ע! - דער בעל שחרית, דער בעל מוסף, דער בעל תוקע, און דער שמש, און דער גבאי פון דער שוהל אויך.

זיצן זיי אלע אין שוהל, און עס ווערט אלעמאל קריגערייען, דער גבאי האט זיך גערינגען מיט א בעל הבית - געבן מערער - א שטייגער אזוי.

אז דער בעל שם הקדוש איז געקומען קיין מעזיבוש, האט ער געזעהן אז ס'ווערט קריגערייען, האט ער געזאגט; אז מען זאל מאכן די צדקות - זאל מען מאכן אין "גאט'ס נאמען" - א טאג נאך יום כיפור! נישט ערב יום כיפור! יום כיפור - דער חזן דארף צוגיין צום עמוד, קען ער זיך אמאל קריגן מיט א בעל הבית, נישט ערב יום כיפור!

האט מען איהם די זאך מודיע געווען (- פון הימל); "מיש דיך נישט! די צדקות וואס טוהט זיך אפ דעם טאג - ווילסטו מבטל זיין די צדקות פון דעם טאג?! מיש דיך נישט"! ס'איז א דבר ידוע.

"מיש דיך נישט"! "די צדקות וואס יעדער איינער גיבט - ביי מנחה פלעגט מען לייגן צדקות - - פאר די ארימעלייט, ווילסטו דאס מבטל זיין - דאס מאכן אויף נאך יום כיפור?! אויף יום כיפור דארף מען האבן די אלע צדקות, ווילסטו אז ס'זאל זיין אזוי"?! - האט ער אפגעלאזט!

*

## 'דמתה לתמר'...

וויסן מיר, אז אלע צדיקים האבן נישט קיין שום זאך געוואלט איבערטוהן (- משנה זיין), נאר אזוי ווי ס'איז געווען - אזוי טוהט מען!

אפילו דאס וואס מען האט אנגעהויבן דאווענען שפעט - - ביים בעל שם הקדוש האט מען געדאווענט 'כוותיקין'! עס שטייט דערפון אין צוואת הריב"ש.

מען פלעגט ווינטער שארן די שויבן (- פון די שניי), זעהן צו מען מעג שוין לייגן טלית ותפילין, דער פראסט האט פארשטעלט פון אינדרויסן.

און ביים בעל שם איז געווען צוויי תלמידים, ס'איז געווען רבי מיכל'ע (מ'זלאטשוב זצ"ל) - האט געדאווענט שפעט, און רבי פנחס'ל קאריצער האט געדאווענט אין דער צייט!

איז געווען צווישן זיי חילוקי דיעות, האט רבי מיכל'ע געזאגט; ער דאווענט שפעט "ווייל ער איז מעלה אלע תפילות"! האט רבי פנחס געענטפערט; "מיין תפילה זענט איר נישט מעלה"!

'ויעמוד פנחס ויפלל', זאגט דער גמרא 'עשה פלילות עם קונו'![ה] - ער האט דאך געהייסן רבי פנחס, איז 'עשה פלילות עם קונו', און "מיינע תפילות זענט איר נישט מעלה"!

איינער איז געווען רבי מיכל'ע, האט ער געדאווענט שפעט! (השואל; ווען שפעט, נאכ'ן זמן תפילה?) יא, ער האט געדאווענט נאכ'ן זמן!

וויסן מיר אויך דאס איינגענע - אז ער האט געדאווענט ביחידות א גאנץ יאר! און אז ער האט געהאט יארצייט נאכ'ן פאטער, האט ער געדאווענט אין צייט, אז ער האט געהאט יארצייט נאכ'ן טאט'ן האט ער געמאכט א מנין - האט ער געדאווענט אין דער צייט!

ער האט נישט געוואלט אז נאך אידן זאלן דאווענען מיט איהם שפעט, נאר געדאווענט אליין - רבי מיכל'ע, רבי מיכל'ע! אז ער האט געהאט יארצייט האט ער שוין געדאווענט אין דער צייט, ווייל ער האט שוין געהאט נאך ניין מענטשן - און ער האט נישט געוואלט זיי זאלן דאווענען שפעט!

*

און ביי דעם חוזה איז געווען - ווייטער איז געווען 'איינער' וואס האט געדאווענט שפעט - איז נאר געווען דער 'יוד הקדוש' (מ'פרשיסחא זצ"ל) האט געדאווענט שפעט!

איך האב געזעהן א ספר - פונעם קאזשניצ'ער מגיד, זאגט ער אויפן 'יוד הקדוש' "דמתה לתמר", ביי 'תמר' - די מעשה איז געווען 'רע' (- רצ"ל, אם היה אשה אחרת עושה מעשה כזה)[ו], און דער כוונה איז געווען 'טוב'!

---

[ה] עי' סנהדרין דף פ"ב ע"ב.

[ו] עי' הסיפור המלא בס' 'נפלאות היהודי', ואכמ"ל.

דאס האט ער געזאגט אויפן 'יוד הקדוש'! "דער כוונה איז געווען טוב" - קענן וואס ער דאווענט שפעט - - וואס איז שייך צו רעדן?! פון די גדולים האבן מיר נישט וואס צו רעדן!

*

## 'חוק וזמן נתן להם'...

נאר ווייטער - ביים בעל שם הקדוש איז געווען, און ווייטער אפילו ביים רבי'ן רבי אלימלך - אלע האבן געדאווענט אין דער צייט!

ביים רבי'ן רבי אלימלך איז געווען אזא מין - אז ראש השנה נאך צוועלף איז שוין געווען אפגעדאווענט! ער האט מקצר געווען מיט'ן סעודה, און ער איז צוגעגאנגן צום עמוד און געזאגט תהילים, און ער איז אליין געשטאנען ביים עמוד, אנגעהויבן זאגן תהילים - דער רבי ר' אלימלך - אויסזאגן גאנץ תהילים ראש השנה! איז ער צוגעגאנגן צום עמוד, און ער האט אנגעהויבן זאגן תהילים מיט די גאנצע חבריא זיינע - האבן אויסגעזאגט תהילים!

האט ער אפגעדאווענט באלד נאך צוועלף, און ער האט מקצר געווען אין די סעודה, ער האט נישט געפירט קיין טיש דארטן, ער האט מקצר געווען אין די סעודה, און צוגעגאנגן צום עמוד אליין, און ער האט געזאגט תהילים - מיט'ן גאנצן עולם אויסזאגן תהילים!

*

ס'איז געווארן פארגרייזט געווארן (- להתפלל אחר הזמן)! דער רבי ברענגט אראפ;[ז] "הצדיקים שוגים בזה במה שמאחרים זמן תפילה"!

דער רבי זאגט 'צדיקים'! 'צדיקים' איז עס!

דער רבי האט טאקע געזאגט; "אין צוויי זאכן האט דער וועלט א טעות, אז א צדיק קען נישט טוהן קיין עולה, טאמער טוהט ער עפעס אן עולה, ווערט ער

[ז] עי' חיי מוהר"ן אות תפ"ז.

אוים צדיק, (אבל באמת) א צדיק קען טוהן אן עוולה, און נאך דער עוולה איז ער אויך א צדיק! ער ווערט נישט אוים צדיק"![ח]

*

דער בארדיטשוב'ער רב האט זיך געשטעלט דאווענען אין דער צייט, נאר ער האט 'געדאוועט' (בדביקות), איז דער שמונה עשרה געווען שפעט!

האט ער אזוי געזאגט; "איך שטעל זיך דאווענען אין דער צייט, איך גיי אריין אין א דביקות, 'ולדבקה בו' איז מדאורייתא, דביקות איז מדאורייתא, קען איך נישט אפרייסן דאס דביקות"!

האט ער געענטפערט דעם תירוץ; "איך שטעל זיך דאווענען אין דער צייט, איך גיי אריין אין א דביקות, 'ולדבקה בו' איז מדאורייתא, קען איך נישט אפרייסן דאס דביקות"!

איז אויך דאס אייגענע - האבן אויך די גדולים נישט מסכים געווען דערצו! ווארן יעדע מצוה איז דאך מלובש אין א 'זמן', דער אויבערשטער אליין איז 'למעלה מן הזמן'! די תורה איז 'למעלה מן הזמן', אבער ס'איז מלובש אין א זמן!

דאס איז די גאנצע גרויסקייט פון א מצוה - בעצם איז זי 'למעלה מן הזמן', און זי איז פארט מלובש אין א 'זמן'! אלע מצוות פון די תורה איז דאך מלובש אין א זמן, און דאס גרויסקייט איז - אז דער 'למעלה מן הזמן' ליגט דאך אין א 'זמן'![ט]

דער מענטש אליין איז דאך אויך אין זמן, א זמן מיט א גוף מיט א צמצום! און אלע מצוות וואס ער טוהט, איז אלס 'למעלה מן הזמן' - און פארט 'אין א זמן'!

דאס איז דאס גאנצע גרויסקייט פון א מענטש, ער זאל זיך מצמצם זיין - (די 'למעלה מן הזמן' אין די 'זמן').

*

רבי נתן איז געווען אין גאליציע, האט איינער געדאוועט דארטן, געוואלדיג געדאוועט, רבי נתן איז נתפעל געווארן פון זיין דאווענען, נאר ס'איז געווען נאך

---

[ח] עי' שיש"ק ב' מ"ו.

[ט] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ע"ט בסופו, ובלקוטי הלכות הל' עבודת אלילים ג' אות ח', ועוד.

דער צייט, האט רבי נתן געזאגט; "ס'איז א **קארפינער אתרוג** (אתרוג מהודר), **אבער אום חנוכה**"!...

א אתרוג 'בזמנו', אפילו ער איז מיט שאלות, אויב ער איז נאר 'כשר' מאכט מען א ברכה, און מען איז יוצא דער מצווה פון אתרוג, אבער נאך דער צייט - אפילו דער שענסטער אתרוג, ס'איז שוין נאך סוכות! ס'איז נישט דער צייט!

ס'איז א 'קארפינער אתרוג'! נאר וואס דען? אבער נאך סוכות!

*

## דעם זעלבן רבי'ן - און דעם זעלבן זמן!...

(השואל; אויף תפילה איז נישט שייך צו זאגן "הלואי שיתפלל אדם כל היום"?) דאס גייט נישט אויף די דריי תפילות! "הלואי שיתפלל אדם כל היום כולו"[י] - רבי יוחנן מיינט נישט די דריי תפילות! דאס איז דאס א מימרא פון 'רבי יוחנן', דאס גייט נישט אויף די דריי תפילות!

א מענטש קען זאגן - ער איז זיך 'מתבודד' א גאנצן טאג! עס קען זיין איינער איז דבוק אינעם אויבערשטן - די דאזיגע צדיקים זענען געווען דבוק אינעם אויבערשטן גאנצע נעכט, גאנצע טעג! איז "הלואי שיתפלל כל היום כולו"!

איי - ווי אזוי איז געווען ביי זיי דאס לערנען? ביי זיי איז געווען **"תורתם משתמרת ומלאכתן מתברכת"**,[יא] ביי זיי איז געווען א ברכה אין אלדינגם!

אבער אין די דריי תפילות איז דאך נישט שייך אז רבי יוחנן זאל גיין קעגן - ס'איז דאך א 'משנה';[יב] **"תפילת השחר עד חצות, רבי יהודא אומר עד ארבע שעות"**! רבי יוחנן וועט זאגן קעגן א משנה?!

*

---

[י] עי' ברכות דף כ"א ע"א.

[יא] עי' ברכות דף ל"ב ע"ב.

[יב] שם דף כ"ו ע"א.

(השואל; טאקע אזוי ווי אן אתרוג אין חנוכה?!) על פי הלכה - אפילו ער איז אן 'אונס', אבער נאך חצות מוז ער דאווענען צוויי שמונה עשרה'ס!

דער זמן איז דאך 'ארבע שעות', פון ארבע שעות ביז חצות - אויב איז ער אן אונס איז ער יוצא ביז חצות אויך, אבער נאך חצות העלפט נישט קיין אונס אויך![יג]

אפילו אן 'אונס', איינער איז ממש קראנק, ער האט נישט געקענט דאווענען ביז נאך חצות, מוז ער דאווענען צוויי תפילות - צוויי שמונה עשרה'ס! ער קען נישט דאווענען - אפילו ער האט אנגעהויבן דאווענען שחרית, מוז ער שוין דאווענען (שמונה עשרה של) מנחה, און נאכדעם דאווענען די תפילה וואס ער דארף משלים זיין (- שמו"ע לתשלומין של שחרית), אבער פריער 'מנחה'![יד]

אז איינער האט ביינאכט נישט געדאווענט קיין מעריב, דארף זיין אינדערפרי צוויי שמונה עשרה'ס, נאך חצות העלפט נישט קיין אונס, נאר פון ארבע שעות ביז חצות העלפט אן אונס!

*

מען קען נישט רעדן פון זיי! דער עיקר איז נאר וואס מיר רעדן דא - מיר רעדן דאך נישט פון 'רעדן אויף יענעם', מיר ווילן נישט רעדן אויף יענעם, אבער אַדאָס איז דאס! דאס איז דאס!

דאס איז דאך איינס פון די טעמים וואס ביים רבי'ן - דער רבי האט געזעהן ברוח קדשו אז שפעטער וועט זיך מאכן אזא מין זאך (שהעולם יזלזלו בזמני התפלה), האט ער - -

דאס איז דער 'אלטער רבי'! (רצ"ל; בלי 'רבי חדש' שיעשה לנו שום שינויים), מיר האבן א רבי'ן, אזוי ווי ס'איז געווען דעמאלטס - אזוי דארף זיין איצטער! דער 'זמן תפילה' מיט דער זמן 'קריאת שמע'! - -

*

[יג] עי' שו"ע או"ח סי' פ"ט סעיף א'.

[יד] עי' שו"ע או"ח סי' ק"ח סעיף א'.

# 'אין אחריות משניות עליך'!...

דער ליקוטי מוהר"ן איז געדרוקט געווארן בחיי רבינו תקס"ח - אין דעם יאר, דער רבי איז נפטר געווארן תקע"א אנהויב.

איז איינער צוגעגאנגען צום רבי'ן פרעגן א שטיקל ליקוטי מוהר"ן - פרעגן - ער האט נישט פארשטאנען דארטן, האט איהם דער רבי נישט געענטפערט, דער רבי האט איהם נאר געזאגט אזוי; "דו מעגסט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי דו ווילסט, **נאר דו זאלסט נישט טשעפען קיין סעיף קטן פונעם שולחן ערוך"!**

(רבי שמואל שפירא ז"ל; ווער האט געפרעגט?) איינער, איינער האט דעם רבי'ן געפרעגט א שטיקל ליקוטי מוהר"ן דארטן - פשט אינעם רבי'נס ספר! האט דער רבי איהם נישט געענטפערט דעם פשט, ער האט איהם געזאגט; "דו מעגסט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי דו ווילסט - אזוי צו אזוי, ס'ארט מיך נישט! נאר דו זאלסט נישט טשעפען - - זאגן א פשט און דורכדעם זאלסטו טשעפען א סעיף קטן אין שולחן ערוך - דאס טארסטו נישט"!

*

ס'איז געווען איינער, עפעס א גדול געווען, פון די גדולים, ס'איז געווען קשה ביי איהם עפעס א משנה פון משניות, האט ער ממציא געווען אן הלכה! א נייע הלכה! האבן די גדולים געשריגן אויף איהם 'געוואלד'; "אין אחריות משניות עליך"! "דו ביסט ממציא א נייע הלכה, ווייל דו ווייסט נישט קיין משנה אין משניות"?! "אין אחריות משניות עליך"! אבער א נייע הלכה זיי נישט ממציא!

די זעלבע דא; "קנייטש מיין ספר ווי אזוי דו ווילסט, אבער דו זאלסט נישט טשעפען קיין סעיף קטן פון שולחן ערוך"!

*

# 'חצות לילה אקום'!

וואס איז געווען ביים בעל שם הקדוש? דער רבי איז געוואקסן געווארן אינעם בעל שם הקדוש'ס שטוב, אז "אדל'ע" - דער בעל שם הקדוש'ס טאכטער - האט חתונה געמאכט דעם רבי'נס מוטער "פיגא" מיט "רבי שמחה" - ער איז געווען אן

ארימער, און רבי הירש (בן הבעש"ט) איז געווען א רייכער, האט רבי הירש אוועקגעגעבן די שטוב - ער האט געדארפט ירש'ענען די שטוב, האט ער אוועק געגעבן - האט זי גע'ירש'נט דעם בעל שם הקדוש'ס שטוב![טו]

האט זי (אדל'ע) חתונה געמאכט די טאכטער, האט זי אוועק געגעבן דעם שטוב (לבתה 'פיגא'), איז דעם רבי'נס מוטער מיטן רבי'נס פאטער זענען געווען אינעם בעל שם הקדוש'ס חדר דארטן! דארט איז דער רבי געבוירן געווארן!

און דארטן זענען געקומען אלע צדיקים, דארטן פלעגן זיי איינשטיין דארטן, פלעגן זיי דארטן זיין - אלע צדיקים, און פלעגן דערציילן מעשיות, יעדער האט פארציילט א מעשה פון זיך, פון זיך (רצ"ל; ממה שראו בעצמם אצל הבעש"ט).

און ווען דער רבי איז געבוירן געווארן תקל"ב, איז געווען צוועלף יאר נאכ'ן הסתלקות פונעם בעל שם הקדוש, און ווען דער רבי איז געווען א קינד פון פינעף זעקס יאר, איז דער רבי שוין געווען א גרויסער בר דעת, איז דעמאלטס געווען 'אכצן יאר' (- נאכ'ן הסתלקות הבעל שם הקדוש), אלע (צדיקים) זענען נאך געווען!

האט דער רבי זיך אנגעהערט מיט די אלע מעשיות - וואס יעדע צדיק האט פארציילט![טז] דער רבי האט געזאגט, אז ס'האט איהם טאקע געהאלפן אויף אידישקייט!

שפעטער איז געווארן אפגעשריבן די אלע מעשיות - - (הסיפורים הנ"ל, עם שינויים, ואמר רביז"ל ע"ז בפליאה -) **"איך האב דאך עס פון איהם אליין געהערט, די אייגענע מעשה וואס דער צדיק האט אליין פארציילט פון זיך, איז געשריבן אנדערש"!!!** מיט די צייט האט זיך דער מעשה געביטן!

*

ס'איז דא א 'מכתב' (מזויף, כדלהלן), דער מכתב איז אפגעדרוקט, אדל'ע האט געשריבן צו רבי שלום פראבישט'ער - דער מלאך'ס א זוהן, זי שרייבט דעם סדר פונעם טאטע'ן.

---

[טו] עי' שיש"ק ב' אות ש"ח.

[טז] עי' שיחות הר"ן אות קל"ח.

ער האט אנגעפרעגט ווי אזוי דער בעל שם האט זיך געפירט, (ובתוך דברי מכתבה כתוב): דער ערשטער האלבער נאכט - - (אז כביכול עשה בעבודתו בלימוד ותפלה), דער אנדערער האלבער נאכט איז ער 'געשלאפן', און אויפגעשטאנען זעקס אזייגער אינדערפרי!

עפעס א מכתב - דער בעל שם הקדוש איז אויפגעשטאנען זעקס אינדערפרי?! א געוואלד!

האט מען מיר דערציילט אז דער מונקאטש'ער (המנחת אלעזר זצ"ל, כך שמע רלוי"צ מא' מתלמידיו) האט דעם אידן וואס האט אפגעדרוקט דעם מכתב - האט ער איהם געזאגט: "דו זאלסט נישט אריינקומען צו מיר אין שטוב אריין"! ס'איז א פאלשער מכתב אפגעדרוקט!

איך האב אנגעהערט זיך, ווי אזוי איז געווען דער מעשה טאקע? אדל'ע שרייבט דאך אזוי?! נאר ס'איז אזוי געווען - ס'איז געקומען אמאל גדולים צום בעל שם הקדוש, גדולים - צדיקים געווען ביי איהם, האט ער זיך פאר'רעדט מיט זיי ביז חצות.

האט זיך אנגערופן אדל'ע: "טאטע! וואס וועט טאקע זיין מיט חצות"? אדל'ע האט זיך אנגערופן צום בעל שם. (ענה הבעש"ט הקדוש): "מען דארף דאך אמאל פאררעכטן די ערשטע האלבע נאכט אויך"! "מען דארף דאך אמאל פאררעכטן דער ערשטע האלבע נאכט אויך"! אז ס'קומט א צדיק צו איהם און מען האט גערעדט ביז חצות - - איז שוין ארויס א פאלשע שיחה - אז מען האט געביטן דעם ערשטן האלבע נאכט מיט דעם אנדערן האלבע נאכט!

פון דעם האט זיך עס גענומען! ווייל דער בעל שם האט אזוי געזאגט: "מען דארף דאך אמאל פאררעכטן דער ערשטע האלבע נאכט אויך"!

דעם מכתב איז אפגעדרוקט, און אלע נעמען ארויס א יסוד פון דעם, אלע נעמען שוין א יסוד פון דעם מכתב, אז היינט דארף מען פאררעכטן די ערשטע האלבע נאכט!...

*

דער 'נועם אלימלך' ער איז געווען א 'תלמיד דתלמיד', דער דריטער דור פונעם בעל שם הקדוש, און די תלמידים פון רבי'ן רבי אלימלך - און דער חוזה - איז נאך א דור, און רבי הערשל'ע זידיטשויב'ער איז נאך א דור ווייטער, און רבי הערשל'ע זידיטשויב'ער ברענגט - אז ער האט נישט פארפעלט קיין איין נאכט פון קימת חצות!!! געוואלדיגע אזהרות ברענגט ער אויף קימת חצות! רבי הערשל'ע איז געווען דער פינפטער דור פונעם בעל שם הקדוש.

און דער מכתב (המזויף הנ"ל) איז א גאנצער מכתב, אז היינט איז דער עיקר - דער "ערשטער האלבער נאכט" דארף מען פארערכטן!

דער רבי רבי אלימלך - ברענגט ער[י] - אז דער ערשטער האלבער נאכט האט דער רבי ר' אלימלך נישט צוגעלאזט צו זיך קיין שום מענטשן! ער האט זיך פארשלאסן! (ואמר:) "דער ערשטער האלבער נאכט איז נישט דא קיין שום עליית התפילה ותורה"! האט ער זיך פארשלאסן, נישט צו געלאזט צו זיך קיינעם!

דאס איז דאך א תלמיד פונעם מעזריטש'ן מגיד - א דור שפעטער, אויב דאס איז א אמת'ער מכתב - וואלטן דאך אלע געגאנגן אויף דעם מכתב! נאר דאס איז א פאלשער מכתב!

דער בעל דבר האט מצליח געווען אויף דעם מכתב, און מיט דעם מכתב האט ער מבטל געווען א האלבע וועלט חסידים, ווייל זיי האבן א 'מכתב' - זיי האבן א 'מכתב'! דער מכתב איז א פאלשער זאך!

דאס איז א ריווח פונעם בעל דבר, ער האט מצליח געווען! "דו קענסט זאגן אנדערש?! דאס איז דאך א מכתב פון אדל'ע, דעם בעל שם'ס טאכטער"!... נו דער אויבערשטער זאל העלפן.

(חסר קצת)

* * *

[י] בשער הגלגולים החדש ח"ב שנדפס ע"י בנו של בעל התפארת שלמה מראדאמסק זצ"ל כתב וז"ל, ושמעתי כמ"פ מכבוד אדמו"ר זלה"ה שהזהיר מאוד לחברים המקשיבים ע"ז הענין של חצות, וצעק מאוד על האנשים החדשים מקרוב באו שהנהיגו להיות נעורים דוקא עד אחר חצות שעה א' או ב' ואח"כ ישנים, ואמר בשם מגידי אמת איך שהרבי ר' אלימלך זי"ע היה ישן מתחלת הלילה עד חצות והיה אצלו סגור ומסוגר, ואמר שאז אין שום עליה לתורה ולתפלה השמימה, רק דוקא אחר חצות, עכ"ל.

# בקי "בנפיק"...

(ר' נחמן בורשטיין ז"ל קורא מתוך ספר אבני"ה ברזל אות ל"ג; פַּעַם אַחַת כְּשֶׁבָּא מוֹהֲרַנַ"ת לְאוּמֶין, שָׁמַע שַׂר' משֶׁה בֶּן ר' אַבְרָהָם חַיִּים מִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה, וּכְשֶׁבָּא מוֹהֲרַנַ"ת לְבֵיתוֹ אָמַר בְּכָל הַמִּנְיָן שֶׁל הָרַב ר' נַפְתָּלִי לֹא שָׁמַעְתִּי שׁוּם אָדָם מִתְפַּלֵּל כְּמוֹ משֶׁה בֶּן ר' אַבְרָהָם חַיִּים, אַחַר־כָּךְ כְּשֶׁבָּא מוֹהֲרַנַ"ת פַּעַם שֵׁנִית לְאוּמֶין וְרָאָה שַׂר' משֶׁה הַנַּ"ל נִתְקָרֵר, אָמַר לוֹ, משֶׁה דוּא בִּיסְט אַרָאפּ גִּיפַאלִין, פָאלְג מִיר קֶער זִיךְ אוּם, גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ וַוייְסֶע בָּארְד, אוּן הָאבּ נָאךְ אוֹיךְ בְּדֵעָה צוּ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער יוּד! און אין א צווייטן בלאט שטייט אויך באות מ"ה; "פַּעַם אַחַת אָמַר, אַוַויְסֶע בָּארְד אוּן נָאךְ אַבְּרֶסְלֶבֶר חָסִיד"!)

ביים אנהייב איז געווען, 'משה'[יח] האט געדאווענט זייער מיט א גרויסן התלהבות, מען האט דערציילט רבי נתן'ען; אז משה 'דאווענט זייער' (- בהתלבות)! (וע"ז אמר מוהרנ"ת) "איך האב פון איהם נאכנישט קיין נחת, אז ער וועט אראפפאלן, ווערן קאלט" - - (עי' להלן)

(ר' נחמן בורשטיין ז"ל; נישט "רבי שואל"?) ניין, דאס איז געווען ביי משה! (רנ"ב; אין שיחות וסיפורים[יט] שטייט דאס ביי רבי שואל פון טעפליק "רבי שואל איך האב נאך פון דיר נישט הנאה, אז דו וועסט אראפפאלן און דו וועסט דיר דערהאלטן" - -) דאס איז א אנדערע ווארט! דאס איז נישט געווען - דאס האט רבי נתן גערעדט צו 'שואל' אליין.

דאס (המעשה מר' משה הנ"ל) איז געווען א אנדערע מאל, מען האט רבי נתן'ען דערציילט אז משה דאווענט בכוונה, האט רבי נתן געזאגט - ער האט נישט גערעדט צו איהם אליין - "איך האב נאך פון איהם קיין נחת נישט"!

**מען האט רבי נתן'ען דערציילט אז משה דאווענט בכוונה, (אמר) "איך האב נאך פון איהם קיין נחת נישט, אז ער וועט ווערן קאלט און נאכדעם וועט ער זיך דערהאלטן - דעמאלטס וועל איך האבן פון איהם נחת"! - דאס איז א אנדערע זאך ווי שואל, ביי שואל האט ער צו איהם אליין גערעדט.**

---

[יח] מתלמידי מוהרנ"ת בעיר אומאן, בנו של ר' אברהם חיים מאומאן מתלמידי רביז"ל.

[יט] עיי"ש באות נ"ז; ר' שׁוּאֵל מִטֶּעפְּלִיק הָיָה חִדּוּשׁ נִפְלָא בְּתַבְעֵרַת לְבָבוֹ וּרִיצָתוֹ לְקַיֵּם בַּעֲצַת רַבֵּנוּ זַ"ל, עַל־פִּי הַמִּשְׁנָה 'הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה' וְכוּ', וְכָל תְּפִלָּתוֹ וְתוֹרָתוֹ הָיְתָה בְּהִתְלַהֲבוּת גְּדוֹלָה ... וְאַף־עַל־פִּי־ כֵן שָׁמַעְתִּי מֵאָבִי זַ"ל שֶׁמֵּרֹב הֶכְרֵחַ הַנְּפִילוֹת (הַמַּגִּיעִים מִלְּמַעְלָה כַּמּוּבָא בְּמָקוֹם אַחֵר) אָמַר לוֹ פַּעַם אַחַת מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל בְּזֶה הַלָּשׁוֹן "שׁוּאֵל! אִיךְ הָאבּ נָאךְ פוּן דִּיר קַיין הֲנָאָה נִיט, אִיךְ זָאל זֶעהן וִוי דוּא פַאלְסְט אַרָאפּ, אִין דֶערנָאךְ זָאל אִיךְ זֶעהְן וִוי דו דֶערהַאלְסְט זִיךְ, וָואלְט אִיךְ פוּן דִּיר הֲנָאָה גֶעהַאט"!

(רנ"ב; אבער דא שטייט צו משה, משה 'דו' ביסט אראפגעפאלן?!) דאס איז טאקע שפעטער, ווען ער איז אראפגעפאלן! בשעת משה האט געדאווענט בכוונה - א געוואלד! האט מען דערציילט רבי נתן'ען, 'משה דאווענט זייער בכוונה'! (אמר מוהרנ"ת) "איך האב נאך פון איהם קיין נחת נישט, אז ער וועט אראפ-פאלן און ער וועט ווערן קאלט, און נאכדעם וועט ער זיך דערהאלטן, דעמאלטס וועל איך האבן פון איהם נחת"! און שפעטער איז ער טאקע אראפגעפאלן.

רבי נתן האט גארנישט געזאגט צו איהם (מקודם), מען האט דערציילט רבי נתן'ען; אז 'משה ב"ר אברהם חיים' דאווענט זייער בכוונה, מיט התלהבות! זאגט רבי נתן; "איך האב נאך פון איהם קיין נחת נישט, ער וועט אראפפאלן, ער וועט ווערן קאלט, נאכדעם ער וועט זיך דערהאלטן, דעמאלטס וועל איך האבן פון איהם נחת" - -

(רנ"ב; און וואס איז דער דיבור וואס ער האט געזאגט "איך האב נאכנישט געזעהן אזוי דאווענען אינעם גאנצן מנין פון רבי נפתלי - אזוי ווי 'משה ב"ר אברהם חיים' דאווענט"?!) דאס איז א באזונדערע זאך! אבער געווענטליך האט ער געדאווענט זייער פיין, האט רבי נתן געזאגט צו די מענטשן וואס האבן גערעדט פון רבי משה'ן, "איך האב נאך פון איהם נישט קיין נחת"!

שפעטער איז ער טאקע אראפגעפאלן, און רבי נתן האט איהם געזאגט; "משה - - ("משה דו ביסט אראפגעפאלן, פאלג מיר קער זיך אום, גלייב מיר איך האב שוין א ווייסע בארד, און האב נאך אויך בדעה צו זיין א ערליכער איד"!).

דער עיקר איז דאך - אז דער ערשטער התלהבות איז דאך נישט זיינס! מען שענקט איהם א מתנה פון אויבן! אז ער פאלט אראפ - - - (און ער דערהאלט זיך, דאס איז דער עיקר נחת רוח למעלה).[כ]

(רנ"ב; און ער האט איהם טאקע געזאגט דעם אויספיר? אזוי שטייט; "גלייב מיר איך האב שוין א ווייסע בארד, און איך האב אויך בדעה צו זיין אן ערליכער איד") דאס איז שוין ביים סוף שפעטער!

---

[כ] עי' ליקוטי הלכות, הל' חוה"מ א' אות ב'; ... זֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁכָּתוּב בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב ז"ל, עַל פָּסוּק וְהוּא יְנַהֲגֵנוּ עַל מוּת, עַל פִּי מָשָׁל, כְּמוֹ שֶׁלּוֹמְדִין הַתִּינוֹק לֵילֵךְ, שֶׁתְּחִלָּה מוֹלִיכִין אוֹתוֹ, וְאַחַר כָּךְ מַנִּיחִין אוֹתוֹ לֵילֵךְ מֵעַצְמוֹ וְכוּ', כֵּן בִּתְחִלָּה מַעֲלִין אֶת אָדָם לְמַעְלָה מִמַּדְרֵגָתוֹ, וּמְסַיְּעִין אוֹתוֹ מְאֹד בַּעֲבוֹדַת ה', וְאַחַר כָּךְ מְנַסִּין אוֹתוֹ שֶׁיֵּלֵךְ בְּעַצְמוֹ, עיי"ש.

*

(רנ"ב; און דא שטייט;[כא] "פעם אחת אמר מוהרנ"ת, א צדיק אז ער שטארבט א צדיק דאס איז א דבר פלא") יא יא. (רנ"ב;[כב] "פע"א אמר, א ווייסע בארד און נאך א ברסלב'ער חסיד") יא יא, אלע לשונות - ס'איז גוט!

(רנ"ב; און וואס ס'גייט ארום א שיחה, אז ער האט געזאגט צו רבי נחמן טולטשינער; "נחמן! ביסטו דער ערליכער איד, בין איך דיר מקנא"!) יא, "אשרי איש שישמע למצוותיך" - 'אשרי איש' וואויל איז אן 'ערליכער איד' - "ווער ער איז וויים איך נישט, נאר ווער ער איז - בין איך איהם מקנא! נחמן - ביסטו דער ערליכער איד? איז וואויל איז דיר - בין איך דיר מקנא"![כג]

(רנ"ב; אבער ס'איז דא נאך א דיבור, אז ער האט געזאגט; "מקנא בין איך - אן ערליכער אידן"!) יא "אן ערליכער אידן! ביסטו דער ערליכער איד - בין איך דיך מקנא"! אויך א דיבור, ס'איז ביידע ריכטיג.

(רנ"ב; ס'איז אן אנדערע משמע; "נחמן! מקנא בין איך אן ערליכער אידן, ביסטו דער ערליכער איד, בין איך דיר מקנא"!) יא. (השואל; ס'איז א באזונדערע מעשה?) צוויי זאכן, יא יא.

(חסר קצת)

*

(השואל; מען זאגט אז ביי די לוויה פון רבי נתן האט "ר' אהרן דער רב" געבעטן אז ס'איז איהם שווער גיין, האט ער געבעטן מען זאל אריבערפירן די מיטה דורך זיין שטוב, און ער האט געשריגן - ער האט געהאט א מאוים'דיגע קול - האט ער געשריגן, "רבי נתן איך בעט דיר איבער" - -) דער גאנצער זאך איז נישט ריכטיג! רבי אהרן האט דעם שבת געדאווענט ביי רבי נתן'ען אין שטוב, און רבי אהרן איז געגאנגען אויף דער לוויה!

(השואל; ער האט געזאגט "א גאנצע קאסטן ליכט פון רבי'ן איז ביי דיר געבליבן" - -) דאס האב איך אויך נישט געהערט! [הערט זיך איין, איך דארף שוין הערן פון אייך שיחות...] - - -

---

[כא] ע' אבניה ברזל, שו"ם ממוהרנ"ת אות מ"ה.

[כב] שם.

[כג] ע' שיש"ק ב' אות תרצ"ה.

(חסר קצת)

*

# אלו דברים שאדם אוכל 'פירותיהם'...

(השואל; ביי רבי לייב טראסטינעצ'ער שטייט[כד] "וכן הוה ונתקרבו כמעט כל בניו" - ווער זענען געווען כל בניו?) ער האט געהאט זיהן, אוודאי, גדולים געווען, און אלע זענען מקורב געווארן!

(השואל; מען ווייסט ווער זיי זענען געווען?) רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געוואוסט! (השואל; און זייערע קינדער, די אייניקלעך?) 'זיי' זענען מקורב געווארן צום רבי'ן, שפעטער וויים איך נישט!

פאָרן (- צום רבי'ן) איז געפאָרן "רבי יודל" (מ'דאשיב, חתן רבי לייב הנ"ל), רבי יודל'ס זוהן - "רבי ישעי' שלום" (אב"ד מעדוועדיווקע), און רבי ישעי' שלום'ס קינדער - זיי ווייסט מען!

אזוי איז געווען, זיי זענען מקורב געווארן - די קינדער (של רבי לייב).

*

ס'שטייט אין ליקוטי מוהר"ן תורה צ"ו, א קליין תורה; "דע כי יש קבלה בידי" וכו'.

זאגט ער (פרפראות לחכמה שם); "דבר זה הודיע לו הצדיק הקדוש וכו' כמוהר"ר ליב ז"ל מטראסטענעץ אחר פטירתו, בעת שבא אל רבינו ז"ל לבקש ממנו שיקרב את בניו וכו', ויש בזה סיפור נפלא ויבואר במקום אחר"!

(ענין הסיפור הוא;) ער האט געזאגט דארטן (- צום רבי'ן); "רבי נחום (טשערנוביל'ער זצ"ל) האט מיטגענומען מיט זיך דעם 'קרן', און די 'פירות' האט ער געלאזט דא, האבן זיינע קינדער 'גדולה'! איך האב מיט גענומען אלעס, האבן מיינע קינדער נישט קיין 'גדולה', זאלט איר זיי מקרב זיין צו זיך"!

[כד] כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ג.

אזוי האט געזאגט רבי לייב צום רבי'ן דעמאלטס, "רבי נחום - האט מיט גענומען מיט זיך דעם קרן, און די פירות האט ער געלאזט דא, האבן זיינע קינדער גדולה! איך האב מיט גענומען אלעס, וועלן מיינע קינדער נישט האבן קיין גדולה, זאלט איר זיי מקרב זיין צו זיך!

*

(השואל; וועגן די לייכטער האט ער עפעם געזאגט - -) "רבי מאטל'ע" (- טשערנוביל'ער זצ"ל) איז געווען אמאל ביי רבי לייב טראסטינעצ'ער, און ער האט געזעהן דארטן ליים'ענע לייכטער'לעך, ליים'ענע שיסל'עך - ער איז געווען אן ארימאן, האט ער איהם געזאגט; "אה"?! (כמתמיה על העוני שלו), האט ער איהם געזאגט (ר' לייב לר' מאטל'ע); "נו, ווי זענען דיינע לייכטער"?! "ביי מיר" - זאגט ער (ר' מאטל'ע) - "איז דא זילבערנע לייכטער"!

(ענה לו ע"ז ר' לייב); "ביי מיר זענען די לייכטער אין גלות, זיץ איך אין שטוב און דאווען און לערן! ביי דיר זענען די לייכטער אין שטוב, ביסטו אין גלות, פארסטו ארום"!...[כה]

"ביי מיר זענען די לייכטער אין גלות, זיץ איך אין שטוב און דאווען און לערן! ביי דיר - די לייכטער זענען ביי דיר אינדערהיים, פארסטו ארום, ביסטו נע ונד"!...

*

(השואל; אין די מעשה וואס זיי האבן געטאנצט א גאנצע נאכט שבועות?) דאס איז מיט רבי נחום'ן געווען, און דאס איז געווען דער טירהאוויצ'ער מגיד - נישט רבי לייב, דער "מגיד" מיט רבי "נחום'ען" - שבועות!

נאר צום סוף איז רבי נחום געווארן שוין מיד, האט רבי מאטל'ע (בנו של רבי נחום זצ"ל) איהם איבער גענומען!

דער טירהאוויצ'ער מגיד איז נישט געווארן מיד, ער (רבי נחום זצ"ל) איז געווארן מיד! ער (- המגיד מטירהאוויצע זצ"ל) איז נישט געווארן מיד, ער האט א גאנצע נאכט געטאנצן! (השואל; אזוי האט געזאגט רבי אברהם ר' נחמנ'ס?) אזוי האב איך געהערט![כו]

[כה] עי' שיש"ק ג' אות תרי"ח.

[כו] עי' שיש"ק ג' אות ר"מ, עיי"ש.

***

# 'הקב"ה מתאוה לתפלתן של צדיקים'

(בתוך השיעור בלקוטי מוהר"ן סימן ע"ג;[כו] - - - האב איך שוין 'אל"ף נו"ן יו"ד' - דאס איז דער כלי, "וְנִגְמַר הַכְּלִי הַנִּקְרָא אֲנִי"!

דער מענטש אליין איז א 'אל"ף' - "על שם הצדיק", דער "דיבור" איז דער 'נו"ן', די "מחשבה" איז דער "יו"ד" - דאס איז "א-נ-י"! ווערט נגמר דער כלי - דאס איז "אני"! וְהַשֶּׁפַע יוֹרֵד - גייט אראפ דער שפע, וְנִשְׁלָם חֵפֶץ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - דער ווילן פונעם אויבערשטן ווערט נשלם!

---

[כו] ונעתיק לשון קדשו להבנת הענין;

כִּי תַעֲבֹר בַּמַּיִם אִתְּךָ אָנִי (יְשַׁעְיָה מ"ג). דְּהִנֵּה הַתּוֹרָה סְתִים וְגַלְיָא, וְהַקָּדוֹשׁ־ בָּרוּךְ־הוּא גַּם כֵּן סְתִים וְגַלְיָא. דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁנִּגְלֶה לָנוּ הוּא הַלְּבוּשׁ וְחִיצוֹנִיּוּת, וּמַה שֶּׁנִּסְתָּר מִמֶּנּוּ הוּא הַפְּנִימִיּוּת.

וְהִנֵּה, כָּל אָדָם צָרִיךְ לְזָרֵז אֶת עַצְמוֹ לְהַשִּׂיג הַפְּנִימִיּוּת, מַה שֶּׁנִּסְתָּר מִמֶּנּוּ. אַךְ אֵיךְ יוּכַל לְהַגִּיעַ אֶל הַנִּסְתָּר מִמֶּנּוּ, בִּתְפִלָּה לִשְׁמָהּ, שֶׁיְּקַשֵּׁר הַמַּחֲשָׁבָה אֶל הַדִּבּוּר שֶׁל הַתְּפִלָּה, בְּקֶשֶׁר אַמִּיץ וְחָזָק. כִּי 'הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתָן שֶׁל צַדִּיקִים' (חֻלִּין ס:), וְלָמָּה, כִּי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא חָפֵץ חֶסֶד הוּא, וְרוֹצֶה תָּמִיד לְהַשְׁפִּיעַ הַשְׁפָּעוֹת וּבְרָכוֹת. וְאֵין הַשְׁפָּעָה יְכוֹלָה לֵירֵד, רַק עַל־יְדֵי כְּלִי הַנִּקְרָא אֲנִי שֶׁנֶּאֱמַר (בְּמִדְבַּר ו): "וַאֲנִי אֲבָרֲכֵם".

וְהַכְּלִי הַנַּ"ל נַעֲשֶׂה עַל־יְדֵי כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, כְּשֶׁמִּתְפַּלֵּל בְּאֹפֶן שֶׁמְּקַשֵּׁר הַמַּחֲשָׁבָה לְהַדִּבּוּר. כִּי כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל נִקְרָא צַדִּיק, שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה ס): "וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים". וְהַצַּדִּיק נִקְרָא אָלֶף, מִלְּשׁוֹן "אַלּוּפֵינוּ מְסֻבָּלִים" (תְּהִלִּים קמ"ד). וְהַנּוּן נִקְרָא דִּבּוּר, כִּי הַדִּבּוּר הוּא מַלְכוּת, עַל דֶּרֶךְ מַלְכוּת פֶּה, וּמַלְכוּת נִקְרָא נוּן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ע"ב): "יִנּוֹן שְׁמוֹ", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: לְשׁוֹן מַלְכוּת. וְהַיּוּד נַעֲשֶׂה, עַל־יְדֵי הַמַּחֲשָׁבָה שֶׁמְּקַשֵּׁר לְהַדִּבּוּר כַּנַּ"ל. כִּי הַמַּחֲשָׁבָה נִקְרָא יוּ"ד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת ט"ו): "אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'יוּ"ד עַל שֵׁם הַמַּחֲשָׁבָה נֶאֶמְרָה'. וְנִגְמַר הַכְּלִי הַנִּקְרָא אֲנִי, וְהַשֶּׁפַע יוֹרֵד, וְנִשְׁלָם חֵפֶץ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי חָפֵץ חֶסֶד הוּא, וּלְפִיכָךְ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתָן.

וְיָדוּעַ הוּא, כִּי מִי שֶׁמְּקַבֵּל תַּעֲנוּג מֵאַחֵר, נִקְרָא נוּקְבָא. רוֹצֶה לוֹמַר לְגַבֵּהּ. וְנִמְצָא כְּשֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְקַבֵּל תַּעֲנוּג מִיִּשְׂרָאֵל מִתְּפִלָּתָן, כִּבְיָכוֹל נַעֲשֶׂה נוּקְבָא לְגַבֵּי יִשְׂרָאֵל. וְזֶהוּ שֶׁכָּתוּב (בְּמִדְבַּר כ"ח): "אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ לַה'", כִּי עַל יְדֵי רֵיחַ הַנִּיחוֹחַ שֶׁמְּקַבֵּל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִתְּפִלּוֹת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, נַעֲשֶׂה בְּסוֹד אִשָּׁה. "וּנְקֵבָה תְּסוֹבֵב גָּבֶר" (יִרְמְיָה ל"א), אִם כֵּן מֵהַפְּנִימִיּוּת נַעֲשֶׂה חִיצוֹנִיּוּת. (וְעַיֵּן לְעֵיל בְּהַתּוֹרָה אוֹר הַגָּנוּז (סִימָן ט"ו), שָׁם מְבֹאָר גַּם כֵּן עִנְיָן זֶה).

וְזֶהוּ פֵּרוּשׁ הַפָּסוּק, כִּי תַעֲבֹר בַּמַּיִם, וְתַעֲבֹר, מִלְּשׁוֹן הִתְגַּלּוּת, כְּמָה שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת י"ב): "וְעָבַר ה' לִנְגֹּף אֶת מִצְרַיִם", וְתַרְגֵּם אוּנְקְלוֹס: וְיִתְגְּלֵי ה' וְכוּ'. 'וְאֵין מַיִם אֶלָּא תּוֹרָה' (בָּבָא קַמָּא י"ז). וְהַפֵּרוּשׁ הוּא, כְּשֶׁתִּרְצֶה שֶׁיִּתְגַּלֶּה לְךָ הַנִּסְתָּר מֵהַתּוֹרָה. אִתְּךָ אָנִי, כְּלוֹמַר, תִּרְאֶה שֶׁתַּעֲשֶׂה הַכְּלִי שֶׁנִּקְרֵאת אֲנִי כַּנַּ"ל:

דער אויבערשטער איז דאך א "חפץ חסד", דער אויבערשטער וויל טוהן חסד מיט דיר, ער וויל דיר געבן השפעות, מוז ער דאך האבן דער "כלי", דער כלי הייסט "אני", און די כלי ווערט נאר - אז מען קניפט צו דער מחשבה צום דיבור!

דערפאר איז דער אויבערשטער "מתאווה לתפילתן של צדיקים", ווייל די צדיקים - זיי קניפן צו דער מחשבה צום דיבור מיט א שטארקן קשר, ווערט ביי זיי די כלי פון "אני", ווערט דער "אני אברכם"!

אז מען האט דער "כלי" זאגט דער אויבערשטער; "ואני" - אז איר האט דער כלי פון "אני" - דעמאלטס קען איך אייך געבן א ברכה! קען איך אייך געבן השפעות! אָן די כלי פון "אני" קען איך נישט געבן קיין ברכות - ווייל איר האט נישט קיין כלי!

דערפאר איז דער אויבערשטער א "מתאווה לתפילתן של צדיקים", ווייל דער אויבערשטער איז א "חפץ חסד" - ער וויל געבן השפעות, מוז מען דאך האבן די כלי פון "אני", ווער מאכט דער כלי פון "אני"? דער צדיק מאכט דער כלי פון "אני"! ער דאווענט מיט א שטארקע מחשבה - (מקושר) צום דיבור!

*

(ממשיך בלקוטי מוהר"ן); דאס איז ידוע, אז דער וואס ס'איז מקבל דער שפע מאחר - נִקְרָא נוּקְבָא, דער מקבל הייסט 'נוקבא', דער משפיע הייסט א "זכר" - רוֹצֶה לוֹמַר לְגַבֵּהּ.

וְנִמְצָא כְּשֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְקַבֵּל תַּעֲנוּג מִיִּשְׂרָאֵל - דורך דעם וואס מיר דאווענען מיט א התקשרות פון א מחשבה צום דיבור, מאכן מיר דער אויבערשטער זאל האבן א תענוג, איז דער אויבערשטער דער "מקבל", וְנִמְצָא כְּשֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְקַבֵּל תַּעֲנוּג מִיִּשְׂרָאֵל מִתְּפִלָּתָן, כִּבְיָכוֹל נַעֲשֶׂה נוּקְבָא לְגַבֵּי יִשְׂרָאֵל - ער איז מקבל תענוג פון אונז!

דאס איז וואס שטייט ביי קרבנות: אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ לַה', אז "ריח ניחוח להשם" - דעמאלטס איז דער אויבערשטער א בחינת "אשה"! דער אויבערשטער איז א מקבל - מקבל פון אונזער ריח ניחוח! כִּי עַל יְדֵי רֵיחַ הַנִּיחוֹחַ שֶׁמְּקַבֵּל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִתְּפִלּוֹת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, נַעֲשֶׂה בְּסוֹד אִשָּׁה.

"וּנְקֵבָה תְּסוֹבֵב גָּבֶר" - איז דער נקבה א "לבוש", ווערט פון פנימיות ווערט "חיצוניות" - פריער איז עס געווען אינעוויייניג, אבער אז ער איז א "מקבל" - נעמט ער דאך ארום, ווערט ער דאך פון אויבן, ווערט ער א "חיצוניות"! ווערט פון 'נסתר' ווערט 'נגלה', 'פנימיות' ווערט 'חיצוניות'!

*

א געוואלדיגע סוד ליגט אין די ווערטער! אה, אז דער אויבערשטער איז ביי אונז א "מקבל", איז ער א "בחינת נוקבא", "ונקבה תסובב גבר", ווערט דאך א לבוש, ווערט פון פנימיות - ווערט חיצוניות, דעמאלטס איז ער משיג "תורה שבנסתר"!

דער אויבערשטער איז "נסתר", אבער ווען איז ער נסתר? אויב ער איז נישט מקבל פון אונז קיין תענוג! אבער אז ער איז מקבל פון אונז תענוג - א מקבל איז דאך א "בחינת נוקבא" - "ונקבה תסובב גבר", ווערט ער דאך א "לבוש", ווערט ער "חיצוניות", ווערט פון נסתר ווערט "נגלה"! ווערט אויפגעדעקט - -

*

# 'תפלה לשמה'

(השואל; וואס א שייכות האט דאס צו לשמה? "תפילה לשמה"?!) "דאס" הייסט 'תפילה לשמה'!

דער רבי רופט עס אן דא (- בלשון "תפלה לשמה") קען מען טייטשן; פארוואס "לשמה"? לשמה איז טייטש "פאר איר'עט וועגן", פאר וועמען - פאר איר'עט וועגן! דארט (- ביי תורה) לשמה, ווערט געבראכט "לשמה - לשם השכינה", דא קען מען אויך אזוי טייטשן דא; דער אויבערשטער איז דאך מקבל תענוג, "ריח ניחוח לשם", ער דאווענט א דאווענען "לשמה" - כדי די שכינה הקדושה זאל האבן א תענוג!

דורך וואס ווערט דער תענוג? דער תענוג ווערט - זאגט דער רבי - אז מען איז מקשר דער מחשבה צום דיבור!

דער אויבערשטער איז מתאווה צו די צדיקים - צו זייער תפילה, פארוואס איז ער מתאווה צו זייער תפילה? ווייל זיי קניפן צו דער מחשבה צום דיבור מיט א קשר אמיץ וחזק! דערפאר איז דער אויבערשטער מתאווה צו זייער תפילה, ווייל זייער תפילה איז מיט א התקשרות פון מחשבה צום דיבור!

און יעדער איינער וואס דאווענט מיט אזא מין התקשרות פון מחשבה צום דיבור - וויל דער אויבערשטער זיין תפילה! אז דער אויבערשטער וויל זיין תפילה, ווערט ער (כביכול) א "בחינת נוקבא" - ווייזט ער זיך ארויס! ווערט פון נסתר - ווערט נגלה!

*

(השואל; וואס מיינט מען "נסתר", מיינט מען סודות התורה?) אלעס - דער אויבערשטער איז נסתר, דער תורה הקדושה איז נסתר! "נסתר" איז דא טויזענטער מדריגות - אין דער ענין פון נסתר!

אז מיר לערנען די תורה, פשוט - ס'זאל אונז שיינען די ווערטער! מען זאל האבן א חיות פון די ווערטער! (דאס איז) אויך א בחינה אז ס'ווערט פון נסתר "נגלה"!

דער רבי רעדט אין תורה כ"ב, אלעמאל דארף ווערן פון נסתר - "נגלה"![כח]

וואס ער וועט מער צוקניפן דעם מחשבה צום דיבור בשעת ער דאווענט - וועט מער ווערן פון נסתר "נגלה"! ס'וועט מער ווערן אויפגעדעקט, דער אויבערשטער וועט זיך מער ארויסווייזן, די תורה וועט זיך מער אויפדעקן פאר איהם!

דער אויבערשטער איז דאך א "אור אין סוף", קומט אוים אז דאס איז א זאך פון א "נצחיות'דיגע זאך"! וואס ער וועט מער עוסק זיין אין תפילה מיט א התקשרות פון מחשבה צום דיבור - וועט דער אויבערשטער ווערן מער אוים 'באהאלטן' (-יתגלה)! ער וועט מער דערקענען דעם אויבערשטן! ער וועט האבן מער אמונה - ער וועט האבן מער בטחון צום אויבערשטן! אז ער וועט לערנען תורה - וועט איהם די תורה מער שיינען!

ביי צדיקים איז 'נסתר' גאר אן אנדערע סארט נסתר! (במדריגה עליונה), אבער ביי אונז איז פראסט "נסתר", אזוי איז דאך ביי אונז אלס פארדעקט! מען דאווענט - מען זאגט ברוך אתה ה' - איז "נסתר"! וואס זאגן מיר? מען פילט נישט קיין חיות! וואס "ברוך"? וואס "אתה"? וואס "ה'"?!

אבער אז מען קניפט צו דעם מחשבה צו דעם "ברוך אתה ה'" - איז דער אויבערשטער מקבל אזא מין תענוג פון די ווערטער - וואס מיר זאגן ברוך אתה ה'!

---

[כח] עיי"ש בלקו"מ תו' כ"ב אות ט'.

*

דער גמרא זאגט דאך אזוי;[כט] אז מען זאגט 'אמן יהא שמא רבה' האט דער אויבערשטער חרטה אויפ'ן גלות! ווען אידן זאגן אינדערפרי 'יהא שמא רבה' האט דער אויבערשטער חרטה פארוואס אידן זענען אין גלות! א גמרא! פארוואס? ווייל ער הערט ווי מען זאגט אמן יהא שמא רבה!

זעהט מען דאך ארוים די גרויסקייט דערפון - אז מען לויבט דעם אויבערשטן! תפילה איז דאך 'שבחו של מקום', אז מען זאגט ברוך אתה ה', און מען זאגט, מען זאגט (- בשפתיו לבד, בלי כוונה), דער קאפ ליגט אזוי! אבער אז ער איז מקשר זיין מחשבה צום דיבור - דער רבי זאגט פריער "בקשר אמיץ וחזק" - מיט א "קשר אמיץ וחזק", מיט א שטארקער קשר צוקניפן דעם מחשבה צום דיבור, בקשר אמיץ וחזק!

*

# 'וקדושים בכל יום יהללוך סלה'

ווייזן ווייזט אוים, אז דער קשר - צוקניפן די מחשבה צום דיבור - איז תלוי דערינען וואס דער מענטש איז אפגעריסן פון די תאוות! אז ער האט נישט קיין התקשרות צו אנדערע זאכענישן - קען ער צוקניפן מער די מחשבה צום דיבור!!!

פון רבי אלחנן (- ספעקטאר ז"ל) האב איך געהערט א ווארט - ער זאגט עס פונעם פון זוהר הק';[ל] מיר זאגן ביים דאווענען "וקדושים בכל יום יהללוך סלה", פארוואס שטייט די ווארט 'סלה'? (ס'וואלט געקענט שטיין נאר -) 'וקדושים בכל יום יהללוך'?!

פלעגט ער זאגן; וואס איז די חילוק פון א 'קדוש' ביז 'נישט קיין קדוש'? אויב 'נישט א קדוש', לויבט ער - אבער נישט 'סלה'! סלה איז טייטש 'אייביג', אבער א 'קדוש' - ער לויבט 'תמיד'! ביי איהם איז 'סלה'! ווייל ער ווערט נישט אפגעריסן! א קדוש - ער וועט נישט אפגעריסן פונעם אויבערשטן!

---

[כט] עי' ברכות דף ג' ע"א.

[ל] עי' שושן סודות אות צ"ז ברכת אתה קדוש.

'יהללוך סלה' איז נאר די קדושים, ביי זיי איז סלה! פארוואס? ווייל ביי איהם רייסט נישט אפ, וועלכעס רייסט אפ פונעם אויבערשטן? די "תאוות" רייסן אפ פונעם אויבערשטן! די תאוות - די תענוגים רייסן אפ פונעם אויבערשטן! אבער ער האט דאך עס נישט - איז ער לויבט טאקע 'סלה', אייביג לויבט ער דעם אויבערשטן!

ער זאגט אז ס'שטייט אין 'זוהר' - דעם ביאור אזוי אויף די ווארט 'סלה'! ביי זיי (- הצדיקים הקדושים) איז אייביג, ביי איהם רייסט נישט אפ!

ביי אונז כאפט מען ארויס דארטן א ווארט, א רגע, א רגע, אבער 'אייביג' - אייביג לויבן דעם אויבערשטן איז נאר די קדושים! די הייליגע מענטשן!

די הייליגע מענטשן - זיי זענען אויסגעטון פון אלע תאוות, זיי זענען נאר דבוק אינעם אויבערשטן, לויבט ער איהם סלה - אייביג! ער רייסט זיך נישט אפ, ער ווערט נישט אפגעריסן פונעם אויבערשטן!

*

איך האב עס געזעהן ביי אברהם'ען (- ר' אברהם ר' נחמן'ס), ביי איהם איז נישט געווען קיין נפקא-מינה צו ער איז געגאנגען אין גאס, צו ער איז געווען אויפ'ן באן, וואו ער איז געגאנגען - קיין שום זאך נישט - איהם האט קיינמאל נישט אפגעריסן קיין שום זאך!

אין 'וואקזאל' (באהן סטאנציע) - איז אין 'וואקזאל'! אין דער 'באן' - איז דער 'באן'! ער איז געזיצן מיט מענטשן, שוין- ער רעדט שוין צום אויבערשטן!

א הייליגער מענטש, וואס ער האט נישט אין זיך די אלע נארישקייטן, און איז מופשט פון זיי, איז ער מקושר צום אויבערשטן!

עס שטייט טאקע (בלקו"מ הנ"ל) דער אויבערשטער איז "מתאווה לתפילתן של צדיקים", און "מאן צדיק"? "מאן דנטיר ברית"![לא]

אז ער דאוונט, איז ער אזוי מקושר צום אויבערשטן - ער האט דאך נישט קיין שום אנדערע הנאות - קיין שום אנדערע תענוגים, ממילא איז ער אזוי מקושר צו די תפילה! אזוי צוגעקניפט דער מחשבה צום דיבור! - "וויל דער אויבערשטער

---

[לא] זוהר הק' פרשת נח דף נ"ט ע"ב, ועוד.

זיין תפילה"! וויל דער אויבערשטער זייער תפילה, זייער תפילה וויל דער אויבערשטער!!!

דאס האט מען געזעהן אין איהם, איהם האט נישט אפגעריסן פונעם אויבערשטן קיין שום זאך! איך גיי דארט - שוין "דא טויג שוין נישט", "דא טויג שוין נישט", אבער ביי איהם איז געווען - אזוי דבוק אינעם אויבערשטן, איך בין נישט - - קיין שום זאך (מבטל מדבקותו)!

*

דאס איז דערווארט 'סלה'! פארוואס? ווייל זיי זענען 'קדושים'! הייליגע מענטשן, הייליגע מוחות, דער גוף איז א הייליגער גוף - איז 'סלה'! טאקע דערפאר לויבט ער דעם אויבערשטער 'אייביג', ער ווערט נישט אפגעריסן פונעם אויבערשטן!

דערפאר טאקע - פאר זיי ווערט אויפגעדעקט די תורה! די תורה האט זיך פאר זיי אויפגעדעקט, זיי האבן געזעהן דעם 'אור התורה'! ס'איז געווארן פון נסתר - איז געווארן נגלה! אלעם דערפאר!

דער אויבערשטער איז מקבל פון זיי תענוג, איז דאך א "בחינת נוקבא - ונקבה תסובב גבר", ווערט ער א לבוש, דעקט ער זיך אויף פאר איהם! ווייזט ער זיך ארויס פאר איהם!

*

אז מען האט א התקשרות צו דעם צדיק וואס ער דאווענט אזא מין תפילה - וואס דער אויבערשטער גלוסט צו דער תפילה - - - התקשרות פאר א דאווענען איז א גרויסע זאך[לב] - אז מען איז זיך מקשר צו דעם צדיק וואס ער האלט ביי דעם תפילה, ער האלט ביי דעם שלימות!

*

[לב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ב' אות ו', ותו' ט' אות ד', ועוד.

# 'אשרי ילדותינו'...

(השואל: זיי האבן אלע אנגעהויבן יונג? "דער רבי", "רבי אברהם ר' נחמן'ס", האבן אלע אנגעהויבן יונג?!) אוודאי, אוודאי, "אשרי ילדותינו שלא ביישה זקנותנו"![לג]

"ואשרי זקנותינו שכפרה את ילדותינו" - איז אויך זייער גוט!

איך האב געהערט אין אומאן - איך האב געהערט פון מענטשן וואס האבן געקענט רבי אברהם ר' נחמן'ס צוריק מיט פופציג יאר, זיי זענען אפילו עלטער געווען פון איהם, האבן זיי געזאגט; "וואספארא יוגנט וואס ער האט געהאט, 'בימי חורפו', וואלט געווען גאר א חידוש - אפילו אין דעם רבי'נס צייטן אויך"! אזא יוגנט האט ער געהאט!

דאס קען מען נישט אויסמאלן וואספארא יוגנט ער האט געהאט! א מענטש זאל זיין יאר'ן - יאר'ן זיין אין די וועלדער א גאנצע וואך! אין א וואלד, אוועקגיין מוצאי שבת און קומען פרייטאג פארנאכט!

זי האט מיר געזאגט 'רחל' - די שוועסטער - איך האב עס געהערט פון איר; "מיין אברהם'ניו - "יאר'ן" איז ער אוועקגעגאנגען אויף מוצאי שבת, און געקומען פרייטאג פארנאכטס אהיים"!

אזא מענטש, ער ליגט א גאנצע וואך אין פעלד - ווערט ער א הייליגער מענטש! ווערט א 'הייליגער מח'! 'א הייליגער מענטש'! ווערט ער אזוי מקושר צום אויבערשטן - אז קיין שום זאך רייסט איהם נישט אפ פונעם אויבערשטן!

(השואל: ער האט מיטגענומען די טלית ותפילין?) אוודאי, ער איז געווען ביז שבת! מסתמא האט ער זיך מסדר געווען ער מוז דאך כאפן א דרימל, מסתמא האט ער זיך מסדר געווען עפעס א פלאץ דארטן! איך וויים? עפעס א ווינקעלע דארטן, א צריף'ל!

ער האט דאך נישט געזאגט וואו ער גייט, מסתמא האט ער זיך מסדר געווען, א מענטש מוז דאך לעבן! ער האט מיטגענומען מיט זיך דארע 'סוכארעס' - דארע פארטרוקענטע חלה מיטגענומען מיט זיך!

---

[לג] עפ"י לשון הגמרא סוכה דף נ"ג ע"א.

איך ווייס נישט - מען זאגט אז ער איז געווען אין גרעקעוו'ער וועלדל, מער ווייסט מען נישט! דאס ווייסט מען - אז ער איז אוועקגעגאנגען מוצאי שבת, און איז געקומען פרייטאג פארנאכטס אהיים! יארן, יארן, יארן.

איך ווייס אליין נישט וואו, איך ווייס נישט - וואו ער איז געווען איז ער געווען מובדל פון מענטשן!

און ער איז געווען א 'מתבודד' - און ער האט געהאט חיות! ווארן ווען ער וואלט נישט האבן קיין חיות קען מען - - - (חסר ההמשך)

*

## "דו קערסט קיין ארץ ישראל"!

דער טאטע (- ר' נחמן טולטשינער, אביו של ר' אברהם) איז נפטר געווארן תרמ"ד, און דעמאלטס איז שוין רבי אברהם ר' נחמנ'ס אלט געווען 'פינעף און דרייסיג יאר' - ער איז געבוירן געווארן תר"ט, איז ער אלט געווען 'פינעף און דרייסיג יאר' איז ער שוין געווען! אה, ער האט שוין געהאלטן!

ער איז געווען א מענטש - ער איז געווען א "קדוש מרחם אמו"! ביי זעקס יאר האט ער שוין געהאלטן ביי א דביקות צום אויבערשטן - דבוק צום אויבערשטן ביי זעקס יאר!

א קינד קומט אהיים פונעם חדר ביי זעקס יאר, בעהט ער די מאמע "גיב מיר עפעס צו עסן", א קינד - אין שטוב! 'ער' איז אריינגעקומען פון חדר, אריינגעלייגט די קאפ אריין אין שאנק מיט ספרים, קיינמאל נישט געגאנגען זאגן די מאמע "גיב מיר עפעס צו עסן"! אז מען האט איהם גערופן - איז ער צוגעגאנגען עפעס עסן!

רבי נחמן טולטשינער האט דאס געזעהן - וויאזוי ער פירט זיך, האט ער איהם געזאגט; "דו קערסט קיין ארץ ישראל"! "דו קערסט קיין ארץ ישראל"! נאך ביי 'זעקס יאר' - "דו קערסט קיין ארץ ישראל, חוץ-לארץ קען דיר נישט סובל זיין"! דו קערסט קיין ארץ ישראל!

אבער ער איז נישט געפארן, ער איז געפארן ערשט תרנ"ד, נ"ד איז ער שוין אלט געווען פינעף און פערציג יאר, איז ער געפארן קיין ארץ ישראל ביי פינעף און פערציג יאר!

איז ער 'צוואנציג יאר' געפארן (קיין אומאן אויף ראש השנה, פון ארץ ישראל) - ביז תרע"ד, ע"ד האט ער דאך נישט געקענט פארן קריק (- צוריק), ע"ד איז ער געקומען (לאומאן על ראש השנה), און ער האט שוין מער נישט געקענט פארן קריק! (מחמת פריצת מלחמת העולם הראשונה).

איז ער 'צוואנציג יאר' געפארן אהין און צוריק! געפארן קיין ארץ ישראל - און געקומען אויף ראש השנה, 'צוואנציג נסיעות' האט ער געמאכט!

צוואנציג יאר - און קיין איין ראש השנה נישט פארפעלן! קיין איין 'אומאן ראש השנה' נישט פארפעלן! נאכאנאנד - צוואנציג ראש השנה'ס, קיין איין 'אומאן ראש השנה' נישט פארפעלן, צוואנציג נסיעות מאכן, אזא ארימאן, אין יענע צייט, אין יענע צייטן!

ער פלעגט ארויספארן אינמיטן זומער, ער איז געווען דארטן אין 'פוילן' (לפני נסיעתו לאוקריינא על ראש השנה), און נאך סוכות איז ער געפארן קריק! ער איז ארויסגעפארן דארטן אלול - סוף אב, געווען אין פוילן דארט, געווען דארט ביים "ביאלע'ר רב", ער איז געווען דארטן - עטליכע ערטער געווען, און איז געקומען (אויף ראש השנה).

*

# 'ושיקוי בבכי מסכתי'...

איך געדענק, תרע"ד (אלול), רבי אברהם איז אריינגעקומען, דעמאלטס בין איך געווארן מקורב, ע"ד, געדענק איך - רבי אברהם איז אריינגעקומען אין שוהל, א הויכער איד מיט רויטע אויגן - פארגאסענע אויגן, (אמרו לי אנ"ש) "דאס איז רבי אברהם ר' נחמנ'ס"!

בין איך צוגעגאנגען (געבן) שלום - ער איז אריינגעקומען אין שוהל, אלע זענען געלאפן 'שלום' - "רבי אברהם ר' נחמנ'ס"! בין איך אויך צוגעלאפן, אלע האבן איהם געקענט, איך האב גארנישט געקענט, דאס (איז געווען די) ערשטע מאל - "דאס איז רבי אברהם ר' נחמנ'ס"!

א הויכער איד געווען, מיט לאנגע פיאות, זיינע אויגן זענען געווען פארגאסן פון די טרערן פון די יוגענט! 'רויטע אויגן', אלס פון די טרערן!

ער האט געזאגט; אז אין דער יוגענט האט ער אזויפיל געוויינט פאר'ן אויבערשטן, אז ער האט מורא געהאט אז ער וועט ווערן 'בלינד'! ער פלעגט פארהאמערן די טרערן - אז ער זאל נישט וויינען אזויפיל! אזויפיל טרערן האט ער פארגאסן פאר'ן אויבערשטן!

*

# "ארץ ישראל" - "דער רבי"

(השואל; ווייזט אוים אז די גאנצע 'קאך' פון ארץ ישראל האט שוין רבי נחמן טולטשינער אנגעהויבן! מען לייגט דאס אלס אויף רבי אברהם? רבי נחמן טולטשינער האט איהם דאך געהייסן פארן?!) "אויפדעקן ארץ ישראל" - האט רבי אברהם ר' נחמנ'ס! ער האט אויפגעדעקט ארץ ישראל, ער האט עס אויפגעדעקט!

מען רעדט נישט פון זיין "רעדן פון ארץ ישראל"! איך געדענק דאך, ס'האט אין איהם געברענט א פייער! ממש אזוי ווי - - -

אז ער איז געקומען קיין "ארץ ישראל" - האט ער שוין געברענט צום "רבי'ן" (- הציון הקדוש באומאן)! אז ער איז געקומען צום "רבי'ן" - האט ער געברענט צו "ארץ ישראל"!!!...

איינם ציהט דאס אנדערע! "ארץ ישראל" מיט'ן "צדיק" - דאס איז גאר "איין זאך", אז ער קומט צו ארץ ישראל - ברענט ער צום צדיק, ער קומט צום צדיק - ברענט ער צו ארץ ישראל![לד]

דאס איז ביי איהם געווען! דאס איז געווען זיין חיות; "ארץ ישראל" - "דער רבי" - "ארץ ישראל" - "דער רבי"!!!

[לד] עי' עלים לתרופה - מכתבי רבי נחמן טולטשינער, מכתב ה'; ... אַשְׁרֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם יוֹשְׁבִים בְּצֵל אַרְעָא קַדִּישָׁא, וּמִסְתָּמָא מִשְׁתּוֹקְקִים וּמִתְגַּעְגְּעִים לְהִתְאַבֵּק בַּעֲפַר צִיּוֹן הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא, אֲשֶׁר חָפַר וּמָצָא שֹׁרֶשׁ קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כַּמְרֻמָּז בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים וְהַנְּעִימִים. וְאַשְׁרֵינוּ שֶׁאֲנַחְנוּ זוֹכִים לְהִתְאַבֵּק בְּפֹה בַּעֲפַר צִיּוֹן הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא, אֲשֶׁר חָפַר וּמָצָא שֹׁרֶשׁ קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וּמִשְׁתּוֹקְקִים וּמִתְגַּעְגְּעִים לְהִתְאַבֵּק בַּעֲפַר אַדְמַת קֹדֶשׁ אֶרֶץ הַקֹּדֶשׁ, כֵּן יוֹסֵף ה' עַל תְּשׁוּקָתֵנוּ לְהִשְׁתּוֹקֵק בְּהִשְׁתּוֹקְקוּת נִמְרָץ, עַד שֶׁיִּגְמֹר ה' בַּעֲדֵנוּ לְטוֹב ...

(אחד מהזקנים [ר' יוחנן גאלאנט]; דער רבי איז דא און דארט! דער רבי איז דא און דארט! ס'איז געווען וואס האבן געזאגט נאר אין 'אומאן' - אבל ר' אברהם ר' נחמן'נס אמר; "דער רבי איז דא און דארט"!)[לה]

*

דער אמת אז אונזערע מענטשן זענען געפארן שוין דעמאלטס אויך (- בדורות שקדמו), בשעת ס'איז געקומען רבי יצחק (בן מוהרנ"ת) - תרכ"ט, איז שוין דא געווען "רבי מאיר טעפליקער", ס'איז שוין דא געווען "רבי נחמן ריוואצק'ער", ס'איז שוין נאך געווען!

(השואל; רבי נתן לייבל'ע ראובנ'ס?)[לו] ער איז געפארן שפעטער! אסאך איז שוין געווען (פאר איהם)!

"רבי אפרים ב"ר נפתלי" - וויים איך נישט וואספארא יאר ער איז געפארן, מסתמא אויך געפארן פריער! ער האט געוואוינט אין ירושלים, זיי (שאר אנשי שלומינו הנ"ל) האבן געוואוינט אין צפת, אין טבריה!

ער שרייבט דאך אזוי - רבי יצחק,[לז] 'תרכ"ח' איז ער אנגעקומען אין ארץ ישראל, איז דער "טשעהרינ'ער רב" מיט "רבי אבא'לע" מיט "רבי יעקב" - זיי דריי זענען דעמאלטס אנגעקומען (- לבקר בארץ ישראל), שוין דעמאלטס איז געווען - געפארן צו ארץ ישראל!

אבער ס'איז נישט געווען - - - איינמאל! זיי זענען געווען ארימעלייט, זיי האבן נישט געהאט אויף הוצאות.

(כאן חסר קצת)

*

(מספר מא' מנסיעותיו של ר' אברהם ר' נחמן'ס מארץ ישראל לאומאן על ר"ה) - - -[לח] אין שיף אריין אין יפו, איך האב א קוק געגעבן וואס טוהט זיך - - (התערובת שהיה על

---

[לה] עי' ביאור הליקוטים בתו' קנ"ה במכתב הנדפס שם.

[לו] רבי נתן ב"ר יהודה מ'טבריא, מגדולי תלמידי מוהרנ"ת.

[לז] עי' עלים לתרופה - מכתבי רבי יצחק בן מוהרנ"ת, מכתב י"ג.

[לח] עי' שיש"ק ג' אות תקצ"א.

הספינה), "האב איך געעפנט דעם ליקוטי מוהר"ן, און איך האב איהם געענדיגט אין איסטאמבול"! - א 'כח'!

*

ער - מאיר לעווינזאהנ'ס זיידע, זיין מאמע'ס טאטע, איך האב געקענט, ער האט געהייסן "רבי משה" האט ער געהייסן. ער פלעגט געבן פאר רבי אברהם רבי נחמן'ס - ווען ער איז געפארן - האט ער איהם געגעבן א 'נאפאליאן'! (מטבע יקר ערך).

ער האט איהם אביסל געקענט! ווען ער איז געפארן קיין אומאן אויף ראש השנה האט ער איהם געגעבן א נאפאליאן!

ער האט מיר דערציילט - רבי שמואל - ער איז געווען רבי משה'ס א זון, האט ער מיר דערציילט אז דער טאטע פלעגט געבן רבי אברהם ר' נחמן'ס - ווען ער איז געפארן - א נאפאליאן, צושטייער אויף הוצאות!

צו דעם דארף מען האבן א געפיל, ס'איז געווען א פארמעג! האט ער איהם געגעבן א 'נאפאליאן', אשרי לו ואשרי חלקו!

* * *

ווען מיר אויסטייטשן דעם לשון (סוף תורה ע"ג הנ"ל): "וְזֶהוּ פֵּרוּשׁ הַפָּסוּק, כִּי תַעֲבֹר בְּמַיִם, תַעֲבֹר - איז מלשון אויפדעקן - מִלְּשׁוֹן הִתְגַּלּוּת, כְּמָה שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת י"ב): "וְעָבַר ה' לִנְגֹּף אֶת מִצְרַיִם", מאכט דער תרגום אונקלוס; וְיִתְגַּלֵּי ה' וְכוּ'.

"כִּי תַעֲבֹר בְּמַיִם" - ס'זאל זיך אויפדעקן אין דיר די תורה, אז דו ווילסט ס'זאל זיך דיר אויפדעקן די תורה - "אִתְּךָ אֲנִי"! זאל זיין מיט דיר די כלי פון "אני"!

מאכן די כלי איז נאר - אז מען קניפט צו די מחשבה צום דיבור ביי תפילה! וואס דעמאלטס וועט זיך אויפדעקן פאר דיר!!! - - -

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **מאיר טייטלבוים** שליט"א
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בנו**
**למזל טוב**

מוה"ר **שמואל בראך** הי"ו
ומוה"ר **יואל אדלער** הי"ו
**לרגל שמחת נישואי בנו של חבריהם**
מוה"ר **יעקב יצחק קאהן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**למזל טוב**

מוה"ר **מענדל מאיר פריעדמאן** שליט"א
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בתו**
**למזל טוב**

מוה"ר **יעקב בעריש ווייס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **זלמן לייב ראזנבערג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

לזכר נשמת ר' **אברהם** ע"ה בן ר' **משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דר"ה תשע"ט תנצב"ה